# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

שמיני
תשפ"א לפ"ק
גליון קס"ג

**לע"נ מרן רבינו אביגדור הכהן ב"ר ישראל זצ"ל - נפ' כ"ז ניסן תשס"א**

## פראגע

### איך האב א שאלה בנוגע "יום השואה". פון וואו קומט עס און צי זאלן מיר עס האלטן?

## ענטפער:

עס קומט פון מענטשן וואס זענען כופרים – אין די כנסת זענען רוב פון זיי כופרים. ווען אזעלכע מענטשן קומען זיך צוזאם, מענטשן מיט הוילע קעפ און זיי באשליסן צו דערקלערן א נאציאנאלע טאג צו ווערן געהאלטן דורך אלע אידן, פארשטייט איר שוין אליינס די "קדושה" וואס ליגט דערין.

זאלן מיר עס האלטן? ניין, מיר דארפן עס גענצליך **איגנארירן**. מיר לאזן אזעלכע זאכן פאר די חכמי התורה. מיר יאגן זיך נישט צו מאכן אזעלכע טעג. די חכמי התורה וועלן טון אין די ריכטיגע צייט וואס דארף צו געטון ווערן, אבער קיינמאל טארן מיר נישט אנערקענען סיי־וועלכע פראקלאמאציעס וואס ווערן געמאכט דורך כופרים. (# 361)

## פראגע

### איז אמת דער אויסדרוק אז די אידן ביי די צווייטע וועלט מלחמה "זענען געגאנגען ווי שאף צו דער שחיטה"?

## ענטפער:

פארוואס רעדן וועגן די אידן? זענען נישט די פראנצויזן ביי די צווייטע וועלט מלחמה געגאנגען ווי שאף צו דער שחיטה? די פראנצויזן האבן צוגעגרייט פון פאראויס א דעפענס־ליניע, וואס זיי האבן גערופן "מעזשינאו ליניע". עס האט געהאט אלע טעכנאלאגיעס פון מאדערנע מלחמות. עס זענען געווען טיפע גרובער, עס זענען געווען קריג וואפן; און זיי זענען געווען טרענירט צו באשיצן די איינריכטונגען. ווען היטלער איז געקומען האט אויסגעקוקט ווי עס האט בכלל נישט עקזיסטירט. ער איז עס דורכגעגאנגען ווי גארנישט, און די פראנצויזן האבן זיך פשוט אונטערגעגעבן ווי שאף פאר'ן וואלף. זיי זענען אויך געגאנגען ווי שאף צו דער שחיטה.

נישט נאר די אידן; יעדער איז געגאנגען. די וועלט האט נאר א צוגאנג צו פרובירן אפצושפעטן פון די אידן, במילא ווייזט מען אן אויף זיי. וואס איז געשען מיט די פוילישע ארמיי? די פוילישע זענען געווען גרויסע בעלי גאוה. זיי זענען געווען שטאלץ מיט זייער נאציאנאלע שטארקייט. ווען די צייט איז געקומען איז עס צעפאלן ווי א זייפן בלאז. די פוילישע ארמיי האט זיך צאמגעלייגט מיט אלע סאלדאטן און טאנקען; עס האט זיך צעלאזט, ס'איז געווען גארנישט.

די אידן האבן נישט געהאט קיין טאנקען, זיי האבן נישט געהאט קיין סאלדאטן; וואס האט איר ערווארטעט פון זיי? וואס האבן זיי דען געקענט טון? אויב די אידן וואלטן זיך צוריקגעשלאגן וואלט קיינער נישט געבליבן. ווער איז איבערגעבליבן פון די ווארשעווער געטא? קיינער! ווער זאגט אז ס'איז געווען אזא קלוגע געדאנק? נאר שוטים, סענזאציאנאלן, רעדן וועגן די אויפשטאנד אין דער ווארשע געטא. עס איז געווען די גרעסטע נארישקייט. אויב זיי וואלטן נישט געמאכט דעם אויפשטאנד וואלטן אסאך אידן געקענט איבערלעבן.

איבעראל זענען אידן איבערגעבליבן. סיי־וואו היטלער איז געגאנגען, זענען דא אידן וואס האבן איבערגעלעבט. אודאי, נישט גענוג. אבער דער פאקט אז זיי האבן זיך צוריקגעשלאגן האט געמיינט א זיכערע טויט אורטייל. די חכמי התורה האבן נישט געזאגט מ'זאל זיך צוריקשלאגן. ווייל נאך אלעם האבן אסאך אידן געקענט אנטלויפן. אבער ווען זיי האבן זיך אנגעהויבן צוריקצושלאגן, האבן די דייטשן אריינגעברענגט אלע זייערע טאנקען און געוועהר און אפגעווישט די גאנצע ווארשעווער געטא. אלזא, גיין ווי שאף איז נישט געווען אזא שלעכטע טאקטיק. ס'איז א נארישע אויסדרוק וואס ווערט גענוצט דורך אמעריקאנער מענטשן. ווען מען האט נישט קיין אויסוועג, איז די בעסטע זאך נישט זיך צו קריגן. איך וואונטש עס נישט פאר די אמעריקאנער אידן, אבער אויב זיי וואלטן געווען אין די זעלבע סיטואציע וואלטן זיי נישט געווען קיין טראפ בעסער.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

אונזערע אור-עלטערן האבן עס אייביג פארשטאנען; זיי האבן זיך נישט צוריקגעשלאגן קעגן די אומות העולם. זיי האבן געזוכט צו בארואיגן די גוים. און אגב איז עס געווען איינס פון די גרעסטע טעותים, בעפאר די צווייטע וועלט מלחמה ווען זיי האבן געמאכט א באיקאט קעגן דייטשלאנד און אויפגערעגט די דייטשן. אויב וואלטן זיי געפאלגט די דעת תורה אין יענע צייט, וואלט זיי געקענט משחד זיין היטלער׳ס משרתים. איר ווייסט, היטלער׳ס מענטשן זענען געווען געלט-גייציגע מענטשן, מ׳וואלט זיי געקענט אונטערקויפן. מען האט זיי געקענט שיקן זאכן – שטילערהייט. זיי וואלטן געקענט פאקן אסאך געלט, אבער זיי וואלטן ארויסגעלאזט אסאך אידן. די גאנצע געשיכטע וואלט געקענט זיין אנדערש.

און במילא, די העזה, די פאלשע העלדישקייט פון זיך צוריקשלאגן מיט די דייטשן און געהארגעט ווערן ווי א העלד, איז נישט קיין וועג וואס אידן וועלן אויס. מיר גלייבן אז ס׳איז בעסער צו לעבן ווי נישט-העלדן, ווי איידער שטארבן ווי א העלד.

## פראגע

**דער רב האט גערעדט היינט וועגן די תועלת פון גלות, אז אסאך מאל דארפן מען גיין פון איין פלאץ צום צווייטן כדי נישט צו בלייבן שטעקן אין רוטין. דאן פארוואס זענען מיר אנגעזאגט געווארן צו דאווענען אויף איין פלאץ און נישט גיין פון פלאץ צו פלאץ?**

## ענטפער:

ס׳איז א גוטע פראגע. יעדעס מאל זאלן מיר טוישן זיצן. מיר קענען אפילו כסדר טרעפן נייע שולן צו דאווענען?!

און דער ענטפער איז, עס איז דא געוויסע בענעפיטן וואס מיר קענען נישט אוועקגעבן, און איינס דערפון ווערט גערופן "הקובע מקום לתפילתו" – צו באשטימען איין געוויסע פלאץ צום דאווענען. די גמרא (ברכות ו, ב) זאגט "כל הקובע מקום לתפילתו" – איינער וואס מאכט זיכער צו דאווענען אלעמאל אויף איין פלאץ, "אלקי אברהם בעזרו" – דער באשעפער פון אברהם וועט אים העלפן.

און דער געדאנק איז דאס: ווען מען דאוונט אויף איין פלאץ לייגט מען אריין כוחות אין דעם פלאץ. מען לייגט אריין געוויסע מחשבות און געוויסע השקפות אין דעם פלאץ, און קומענדיגע מאל מען קומט דארט, הייבט מען אויף די השקפות וואס מען האט דארט איבערגעלאזט אויפ׳ן באנק און מען הייבט אן דארט וואו מען האט פאריגע מאל געענדיגט – א באקאנטע פלאץ גיבט דיר אלע אלטע געדאנקען וואס מען האט דארט קונה געווען. אויב מען דאווענט ריכטיג אויף איין פלא, אין א פלאץ וואו מען האט שוין אינוועסטירט כוחות, איז גרינגער דעם קומענדיגן טאג פארצוזעצן וואו מען איז געבליבן. אבער אויב מען הייבט אן פריש אויף א נייע פלאץ, איז עס פיל שווערער.

דערפאר איז עס א גרויסע טעות וואס מענטשן מאכן ווען זיי טוען זיך אן דעם טלית שבת אינדערפרי און מען לאזט זיך ארויס זוכן פאר אנדערע פלעצער צו דאווענען; אט די וואנדערערס זוכן זיך גליקן אין אנדערע שולן. אסאך מענטשן, יעדן שבת אינדערפרי, דרייען זיך אין די גאסן און זוכן פאר א נייע שול. וואס טוען זיי דארט אינעם נייעם פלאץ? זיי זענען פארנומען צו קוקן אויף די פנימ׳ער. אנשטאט דאווענען צום אויבערשטן, קוקן זיי אויף אלע נייע פנימ׳ער. מען קומט אין שול צו קוקן אויף פנימ׳ער?!

וועגן דעם, אויב איר קענט, זאלט איר שטיין נעבן א וואנט און פארמיידן פון קוקן אויף מענטשן; קוק אויפ׳ן וואנט און טראכט פון השי״ת.

אויב מען איז אויפ׳ן זעלבן פלאץ איז גרינגער צו פארמיידן היסח הדעת. אין א נייע פלאץ מיט נייע מענטשן, קוקסטו אויף זיי. אסאך מאל שטיפט דיר אויך דער מענטש אוועק; דו ווייסט נישט וואו צו שטיין און אסאך מאל ווערט מען ארומגעשטיפט. אין די פלאץ וואו מען איז צוגעוואוינט איז גרינגער צו דאווענען מיט כונה.

במילא, טראצדעם וואס גלות האט א ווערטפולע צוועק, דאך זענען מיר יעצט פארנומען צו מתפלל זיין. מיר זענען נישט דא יעצט צו פראווען גלות; מיר זענען דא צו דאווענען. און וועגן דעם דארף מען דאווענען אויפ׳ן זעלבן פלאץ און טאקע ארייננגיין אין א גוטע רוטין. א גוטע רוטין! גארנישט איז נישט בעסער ווי א גוטע רוטין! (# 271)

## פראגע

**וואלט איר אפשר קאמענטירט בנוגע באזוכן די עמיש מענטשן?**

## ענטפער:

די עמיש מענטשן זענען קלוגע מענטשן אבער זיי זענען עובדי עבודה זרה, און דערפאר וועט עס זיי גארנישט העלפן. א קלוגער עובד עבודה זרה איז נאך אלץ אן עובד עבודה זרה, און דערפאר איז עס א שאד פאר זיי. אעפ״כ זענען זיי קלוגער ווי אנדערע מאטעריאליסטישע מענטשן, אבער ס׳איז נישט דא דארט פאר אונז קיין שום לימוד. מיר האבן זיך גארנישט צו לערנען פון זיי. (# E-12)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו״ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו״ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט״א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב